קרבנות בפועל, ווארום דורך היום אם בקולו תשמעו, קומט דאך גלייך משיח, און אויך ווי ער ברענגט אין אגה"ק פון בעש"ט אז דורך יפוצו מעינותיך חוצה וועט מען ברענגען משיח'ן, און יעמאלט איז נישטא קיין רשות ער זאל זיך פארהאלטן אפילו נאך איין רגע, און ביז חודש ניסן וואס דאס איז דער חודש הגאולה, קאן דער ענין אראפקומען בפועל ממש, אז די מחצית השקל וואס מ'גיט איצטער זאלן זיין פאר די קרבנות בביהמ"ק השלישי וואס איז שוין אנגעגרייט, עומד ובנוי פונקט ווי עס וועט זיין למטה, נאר עס איז למעלה מעשרה טפחים, און עס וועט אראפקומען בגלוי, בביאת משיח בעגלא דידן ממש.

ב. כאמור לעיל, אז דער ענין פון כי תראה חמור שונאך, איז א ענין פון צדקה, וואס צדקה איז כללות כל המצוות, וואס דערפאר ווערט זי אנגערופן בשם מצוה סתם (תניא פל"ז), איז פאראן א תורה פון בעש"ט אויף דעם פסוק, וואס זי איז אויך א הוראה כללית, כאטש אז אלע תורות פון בעש"ט זיינען הוראות, בנוגע לפועל, איז אבער די תורה א הוראה כללית בעבודת האדם לקונו.

אין די תורה איז פאראן א אויפטו פון בעש"ט אויף די פריערדיקע דורות - אויפן ארי"ל און ראשית חכמה - כאטש עס זיינען געווען חסידים ביי דעם אלטן רבי'ן וועלכע פלעגן לערנען ראשית חכמה, און אויך דער אלטער רבי אליין ברענגט איהם אראפ אין לקוטי תורה, איז אבער דא אין די תורה פון בעש"ט א אויפטו אויף זיי -

ווארום פאר דעם בעש"ט איז עיקר העבודה געווען אין תעניות וסיגופים, ברעכן דעם גוף, איז געקומען דער בעש"ט און האט אויפגעטאן אז עיקר העבודה דארף זיין אין שמחה, עבדו את ה' בשמחה, נישט אין א אופן פון ברעכן דעם גוף, נאר אדרבה טאן מיטן גוף.

און דער האט דעם דרך העבודה אריינגעשטעלט אין דעם פסוק, כאטש אז דער פסוק איז געווען אויך פאר דעם בעש"ט, איז דאס ווי עס שטייט מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש כבר נאמר למשה מסיני (ירושלמי פאה פ"ב ה"ד) נאר ביז דעמאלט שטייט עס בהעלם, עד"ז בנדו"ד, אז פאר דעם בעש"ט איז דער ענין געווען בלויז בהעלם, ביז עס איז געקומען דער תלמיד ותיק - דער בעש"ט - און עס ארויסגעגעבן בגלוי.

און דער תורת הבעש"ט איז:

כי תראה חמור שונאך, בשעת דו וועסט זיך ארומקוקן וועסטו זעהן אז דיין חמור, וואס דאס גייט אויפן גוף ונפה"ב, ווייל רוח הבהמה היורדת היא למטה, שונאך, האט דיר פיינט, ער האט פיינט דעם עצם פון א אידן, וואס דאס איז רוחניות, ווי עס שטייט אויף א צדיק, אז ביי איהם איז דער עיקר זיין נשמה, ווי גערעדט (יו"ד שבט) אז חיי הצדיק איז ניט חיים בשריים, נאר חיים רוחניים, אמונה אהבה כו' (אגה"ק סי' ז"ך) און עס איז דאך ועמך כולם צדיקים, איז דער עיקר המהות פון א אידן בלויז רוחניות, די חילוקים ווערן נאר בשעת עס קומט אראפ בהתלבשות אין דעם גוף ונה"ב בגלוי, אבער בעצם איז מהותו בלויז רוחניות;

רובץ תחת משאו, דער גוף איז זיך מתעצל אויספירן די שליחות וואס ער דארף טאהן, ווארום ער דארף דאך זיין כשור לעול וחמור למשא, אויף אויספירן דאס וואס מ'האט אויף איהם ארויפגעלייגט, ער זאל מאכן א דירה בתחתונים, וואס דאס איז דאך דער נקודה עקרית פון זיין עבודה, ער זאל מאכן פון שקר אויף קרש - מהפך זיין דעם שקר העולם, עס זאל ווערן קרשים פארן משכן, איז ער אבער רובץ תחת משאו כנ"ל, אז ער וויל נישט טראגן די משא, וועלכע עס ליגט אויף איהם;

וחדלת מעזוב לו, ווי רש"י טייטשט עס אפ בתמי' , ווארום לכאורה וואלט געקאנט איינפאלן א סברא אז וחדלת מעזוב לו, ער זאל נישט ארויסהעלפן דעם גוף, וויבאלד ער שטערט דאך איהם בעבודה, נאר ער וועט איהם ברעכן, אויף דעם זאגט מען בתמי',

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 246 הודפס ע"י אוצר החכמה

אז נישט דאס איז די כוונה, אדרבה, עזוב תעזוב עמו, ער זאל ארויסהעלפן דעם גוף און טאן מיט איהם אויף מברר זיין ער זאל ווערן קדושה.

וויבאלד עס איז דא א הוה אמינה אין תורה אז וחדלת מעזוב לו, אז מ'דארף ברעכן דעם גוף, און א הו"א אין תורה איז אויך תורה, דערפאר איז קודם הבעש"ט געווען עיקר העבודה אין תעניות וסיגופים ברעכן דעם גוף, דער בעש"ט האט אבער מגלה געווען דעם טייטש פון עזוב תעזוב עמו, אז אדרבה מ'דארף טאן מיטן גוף.

וכידוע דער ווארט פון כ"ק אדמו"ר מו"ח, דער בעש"ט האט באוויזן וואס עס דארף זיין, און דער אלטער רבי אין זיין חסידות חב"ד האט באוויזן ווי עס קאן זיין ביי יעדן איד.

אויף דעם פסוק איז אויך דא א רש"י וועלכער איז נישט פארשטאנדיק מתחילתו עד סופו, סיי אין סדר הענינים און סיי אין תוכן (כאן המקום להזכיר מ'זאל זיך דערמאנען די אלטע גוטע צייטן... ביי לימוד פירש"י...).

רש"י שטעלט זיך אויפן פסוק כי תראה חמור שונאך, און טייטשט אפ אז כי איז מלשון שמא (ווארום בדרך כלל איז כי משמש בד' לשונות, איז דא דער טייטש מלשון שמא) און דאס גייט אויף דעם וואס שטייט ווייטער אין פסוק וחדלת גו', ד.ה. שמא תאמר וחדלת - טאמער דו וועסט טראכטן איהם נישט ארויס צוהעלפן - זאגט אן די תורה אז עזוב תעזוב עמו. כאטש אז אויך אין דעם פריערדיקן פסוק שטייט דער ווארט - כי תפגע שור אויבך וגו', דארטן אבער שטעלט זיך רש"י נישט אפ, דוקא דא איז ער מאריך ביותר - כדלקמן.

דערנאך טייטשט אפ רש"י עזוב תעזוב עמו אז דאס איז פון לשון עזרה - ארויסהעלפן - און ברענגט אויף דעם כמה דוגמאות, ע"ד ווי עס שטייט ויעזבו את ירושלים וגו'. לכאורה איז שוין אלץ גלאטיק, קערט זיך רש"י אבער צוריק צום ווארט כי, און איז נאכאמאל מפרש אז דאס איז מלשון שמא. און ברענגט אויף דעם א דוגמא פון דעם וואס עס שטייט אין חומש דברים כי תאמר בלבבך רבים הגויים וגו' (ז, יז) לא תירא מהם וגו', וואס דארטן איז דאך דער פירוש פון כי מלשון שמא, טאמער דו וועסט מורא האבן, זאגט די תורה לא תירא מהם.

דערנאך ברענגט רש"י ומדרשו - נישט ווי דער פירוש הפשוט אז וחדלת בתמי', נאר לפעמים אתה חודל, אמאל דארף מען יא חודל זיין, אויב ער איז א זקן ואינה לפי כבודו זיך מטפל זיין, אדער אויב דאס איז בהמת נכרי ומשאו של ישראל. דערנאך קערט זיך אום צו עזוב תעזוב עמו, און טייטשט אפ אז דער העלפן באשטייט אין דעם - ליטול משא הימנו, און ער ברענגט אויף דעם דעם לשון התרגום למשקל לי'. (רש"י האט געהאט אנאנדער גירסא אין תרגום ווי ביי אונז, וואס עס שטייט מלמשבק לי').

איז אין דעם נישט פארשטאנדיק:

א) בשעת רש"י טייטשט אויס אז כי איז מלשון שמא, האט ער גלייך געדארפט ברענגען אויף דעם די דוגמא פון חומש דברים דעם פסוק כי תאמר בלבבך, און נישט מפסיק זיין מיטן פירוש אויף וחדלת און עזוב תעזוב?

ב) כאמור כמה פעמים, אז ווען רש"י ברענגט א מדרש איז דאס מצד דעם וואס פירוש הפשוט אליין איז נישט מספיק (ועד"ז מובן אז פירוש המדרש אליין איז אויך נישט מספיק), דארף מען פארשטיין, וואס בלייבט שווער אין פשטות וואס צוליב דעם דארף מען אנקומען צו דעם מדרש?

ג) ווי גערעט, אז ענינו של רש"י איז לכל לראש אפצוטייטשן פשוטו של מקרא, און נישט אויף ברענגען הלכות, דארף מען פארשטיין, פארוואס דארף רש"י ברענגען די אופנים ווען מ'איז חודל, זקן ובהמת נכרי, לכאורה וואלט געווען מספיק ברענגען נאר אז - פעמים אתה חודל, און מ'וואלט שוין געוואוסט אז עפי"ז מיינט דער וחדלת נישט בתמי' נאר כפשוטו, די פרטים שבזה זיינען לכאורה איבעריק?

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 247 הודפס ע"י אוצר החכמה

ד) די זעלבע רש"י איז אויך דא אין דברים (כב, א) אויפן פסוק לא תראה שור אחיך וגו' והתעלמת, ברענגט דארטן רש"י דעם מדרש אז לפעמים אתה מתעלם, און ברענגט נישט די פרטים אזוי ווי דא, ווארום כנ"ל, ברענגט דאך רש"י נאר דאס וואס איז נוגע צו פשוטו של מקרא. עפי"ז ווערט נאך שווערער פארוואס ביי אונז איז מוכרח ברענגען די פרטים? אפילו מיר זאלן זאגן אז רש"י וויל ברענגען פרטים, בלייבט דאך נאך אלץ שווער:

ד) אין מכילתא דא אויפן פסוק, שטייט נאך א אופן ווען מ'איז חודל, דאס איז ביי כהן והיא בבית הקברות, ולכאורה איז ניט פארשטאנדיק, ווארום אין דער גאנצער פרשה ברענגט רש"י אראפ פירושים פון מכילתא, האט ער דאך אויך דא געדארפט ברענגען דעם אופן וואס ברענגט זיך אין מכילתא?

ה) נאך דעם וואס רש"י ברענגט דעם מדרש, הויבט ער אן נאכאמאל טייטשן די ווערטער עזוב תעזוב עמו אז דאך מיינט מען לפרוק המשא, ולכאורה האט ער דאס געדארפט זאגן גלייך נאכדעם וואס ער טייטשט אפ אז עזוב תעזוב איז מלשון עזרה?

ו)רש"י ברענגט דאך דעם תרגום, בלויז ווען פשוטו של מקרא אליין איז נישט גענוג, איז וואס איז דא דער תרגום מוסיף אויפן פירוש הפשוט?

ז) דער תרגום שטעלט זיך דאך אויף די ווערטער וחדלת מעזוב לו, און פארוואס ברענגט דאס ראש"י אויף עזוב תעזוב?

כאמור כמ"פ, אז אין רש"י מוז אלץ זיין מוכרח פון פשוטו של מקרא, און אויב נישט איז דאס נישט פירש"י.

דער ביאור בכל הנ"ל איז:

אין פשטות הכתובים איז דא נישט פארשטאנדיק, פארוואס דוקא אין דעם פסוק שטייט וחדלת מעזוב לו, און נישט אין דעם פריערדיקן פסוק, וואס דארטן רעט זיך אז כי תפגע שור אויבך, זאגט די תורה השב תשיבם, האט דאך לכאורה דארטן אויך געקענט שטיין די הוה אמינא אז וחדלת מלהשיב?

ווארום די צוויי פסוקים האבן אין זיך א צד השוה, מיט דעם, אז אעפ"י אז עס רעט זיך וועגן אויבך און שונאך, פונדעסטוועגן טוט אויף די תורה אז דו ביסט איהם מחויב צו העלפן, האט דאך לכאורה וחדלת געדארפט שטיין אין דעם פריערדיקן פסוק?

נאר באמת, פריער איז מספיק מיט דעם אליין וואס עס שטייט השב תשיבם, ווארום עס קאן איהם נישט איינפאלן א מחשבה אז וחדלת מעזוב לו, ווי דער אלטער רבי זאגט אויף א בינוני אז ווען עס פאלן איהם איין מחשבות זרות, איז מיד דוחהו (תניא פי"ב), און ס'איז ניט דער פטט אז עס איז טאקע א מחשבה, נאר דאס וואס עס פאלט איהם איין די מחשבה, איז דאס נאר כדי ער זאל דאס דוחה זיין, און וויבאלד אז מדת הבינוני היא מדת כל אדם ואחרי' כל אדם ימשוך (שם פי"ד) איז דאס ביי יעדן איינעם אזוי, און במילא קאן נישט זיין א מציאות פון א מחשבה אז וחדלת מעזוב לו ווארום עס שטייט דאך אז עס דארף זיין השב תשיבם, און דאס אליין באווארענט איהם, עס זאל איהם נישט איינפאלן א מחשבה פון - וחדלת, און דאס וואס עס פאלט איהם איין איז דאס נאר כדי ער זאל דאס דוחה זיין.

ע"ד ווי עס איז מבואר בהנוגע צו נדרים, אז בשעת מען איז מיפר דעם נדר למפרע, איז נישט דער פירוש אז דער נדר איז אינגאנצן נישט חל, נאר עס איז חל בלויז לגבי די הפרה. ועד"ז איז אויך די מחשבה וואס פאלט איהם איין אויף וחדלת, איז עס נאר בכדי ער זאל דאס דוחה זיין.

און דורך דעם, איז דא דער ענין פון מטעמים לשון רבים (תניא פ' ז"ך) וואס דאס ווערט דוקא דורך אתכפיא, אז פון דברים חמוצים מאכט מען מטעמים, און דערפאר לייגט מען איהם אריין די מחשבה כדי ער זאל דאס דוחה זיין, און ס'זאל ווערן מטעמים

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 248 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דערפאר דארף נישט שטיין וחדלת, ווארום פון דעם אליין וואס עס שטייט השב תשיבם, פאלט איהם שוין נישט אריין די מחשבה, אעפ"י אז דאס רעט זיך וועגן אויבך, וואס תורה רופט איהם אן אויבך, ד.ה. אז עפ"י תורה איז דא א נתינת מקום אויף איהם פיינט האבן, פונדעסטוועגן וועט איהם נישט איינפאלן א מחשבה אז - וחדלת.

און וויבאלד אז אין דעם פריערדיקן פסוק שטייט נישט וחדלת, איז דער טייטשט פון כי דארטן מלשון אם, אבער אין דעם פסוק פון כי תראה חמור שונאך, וואס דארטן שטייט יא דער וחדלת, איז מוכרח צו טייטשן כי מלשון שמא, ווארום עס ווערט דאך שווער ווי קען שטיין וחדלת מעזוב לו, אז מ'דארף נישט העלפן בשעת עס שטייט עזוב תעזוב עמו, אז מ'דארף יע העלפן? איז דאך מכריח רש"י צו טייטשן אז כי איז מלשון שמא, און דער כי גייט אויפן וחדלת, און דער פשט איז שמא תאמר וחדלת, אויף דעם זאגט די תורה אז עס דארף זיין עזוב תעזוב עמו.

און דערפאר ברענגט רש"י, גלייך נאך דעם אז וחדלת איז מלשון בתמי' און אז עזוב איז מלשון עזרה, ווארום דאס איז מכריח רש"י זאגן אז כי איז מלשון שמא, ווארום נאכדעם אז מיר ווייסן אז עזוב תעזוב איז מלשון עזרה, מיינט דאך דער פסוק צו זארגן אז מ'דארף יע ארויסהעלפן, ווערט דאך שווער דאס וואס עס שטייט וחדלת מעזוב לו אז מ'דארף ניט העלפן, איז דאס מכריח צו זאגן אז דא איז דער טייטש אפון כי מלשון שמא, און עס גייט ארויף אויף וחדלת מעזוב לו, און דער פירוש הפסוק איז וחדלת מעזוב לו בתמי'.

- און נישט ווי די מדפיסים האבן א טעות געהאט און האבן געמיינט אז וויבאלד אז רש"י ברענגט דעם לשון הפסוק וחדלת און עזוב תעזוב, מיינט רש"י אפטיילשן די ווערטער אליין, און דערפאר האבן זיי דאס געמאכט פאר נייע פסקות - נאר דאס קומט אלץ אין די ערשטע רש"י אין וועלכער ער שטעלט זיך אויף אפטיילשן דעם ווארט כי, און מיט דעם איז ער מכריח אז כי מלשון שמא,

ווארום בכלל איז דער טייטש פון כי מלשון אם, אעפ"י אז די גמרא זאגט (ר"ה ג, א) אז כי משמש בד' לשונות, איז דאס נאר אין לשון הגמרא, משא"כ אין חומש איז עס נישט רגיל אז כי זאל זיין מלשון שמא, והראי' אז רש"י דארף ברענגען א דוגמא וואו מען געפינט אז דאס איז מלשון שמא, ברענגט ער דאס פון חומש דברים, און ביז דארטן געפינט ער נישט קיין ארט, וואו כי, זאל האבן דעם טייטש.

און דערפאר ברענגט רש"י שפעטער נאכאמאל די ווערטער עזוב תעזוב עמו, און טייטשט דאס אפ, ווייל דא קומט ער שוין מפרש זיין די ווערטער מצד עצמם לויטן סדר הפסוק.

עס איז נאך אלץ נישט פארשטאנדיק, אויב דער כי גייט אויפן וחדלת, האט עס געדארפט שטיין בסמיכות צום וחדלת, און נישט מפסיק זיין מיט די ווערטער תראה חמור גו'?

בשלמא אין חומש דברים ביי כי תאמר בלבבך רבים הגוים גו' - און דארטן טייטשט רש"י אז עס איז מלשון שמא - איז עס פארשטאנדיק, ווארום דער כי גייט טאקע אויף תאמר בלבבך וועלכע שטייט בסמיכות, משא"כ דא, איז דא א הפסק צווישן דעם כי מיט וחדלת?

און דאס איז מכריח רש"י צו ברענגען ומדרשו, אז פעמים אתה חודל, און לפי"ז איז נישט דער טייטשט כי מלשון שמא, נאר כרגיל, און ווי אין דעם פריערדיקן פסוק, אז עס איז מלשון אם, במילא קאן נישט שטיין דעם כי בסמיכות צום וחדלת (אפילו לפי פירוש הפשוט) ווייל יעמאלט וואלט מען נישט געקאנט ווייסן אז לפעמים אתה חודל, אין אנדערע ווערטער, מצד פשט אליין, וואלט כי געקענט שטיין לעבן וחדלת, נאר בכדי באווארענען אויך דעם מדרש אז פעמים אתה חודל, קען דאס נישט שטיין בסמיכות.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 249 הודפס ע"י אוצר החכמה

לפי"ז קומט אויס, אז דאס וואס עס שטייט כי תראה חמור וגו', איז דאס ע"ד ווי די פסוקים שאין להם הכרע (יומא נב, א), ווארום לפי פירוש הפשוט גייט דער כי אויפן וחדלת, - און ס'איז מלשון שמא - ולפי פירוש המדרש גייט דער כי אויף תראה.

און מיט דעם וואס רש"י ברענגט אראפ דעם מדרש און די דוגמאות פון זקן ואינה לפי כבודו, ובהמת נכרי ומשאו של ישראל, וועט ווערן פארשטאנדיק אויך פארוואס עס שטייט נישט וחדלת אינעם ערשטן פסוק.

ווארום זקן ואינה לפי כבודו אליין - אז ער איז חודל - וואלט איך אויך געוואוסט, ווען דער וחדלת וואלט געשטאנען אין פריערדיקן פסוק, וויבאלד אבער אז עס איז דאך נאך אופן ווען אתה חודל, וואס דאס איז ביי בהמת נכרי ומשאו של ישראל ומצד דעם אופ וואלט דער וחדלת נישט געקאנט שטיין דארטן.

ווארום ווי רש"י זאגט איז די תורה ממעט א בהמת נכרי ומשאו של "ישראל", און דוקא ביי אזא פאל דארף די תורה באווארענען אז דו מעגסט חודל זיין, ווארום עס וואלט געקענט איינפאלן א סברא אז מ'זאל יא דארפן העלפן וויבאלד אס איז דאך משאו של ישראל, איז דאך דער גאנצער טעם נאכוואס די תורה דארף עס באווארענען איז דאס צוליב די משא, וועלכע איז של ישראל, און דאס איז נישט שייך אין דעם ערשטן פסוק, ווארום דארטן רעט זיך וועגן א שור תועה אן א משא. און דערפאר ברענגט רש"י אויך דעם פאל, פון בהמת נכרי בכדי צו פארענטפערן - אין פשוטו של מקרא - פארוואס דער וחדלת שטייט נישט אינעם פריערדיקן פסוק.

פון דעם וואס רש"י ברענגט אז ביי בהמת נכרי ומשאו של ישראל איז - אתה חודל, זעט מען אז רש"י האלט אין פשוטו של מקרא אז צער בעלי חיים לאו דאורייתא, וייל עס איז דא א דיעה וועלכע האלט אז אויך אויף בהמת נכרי (ואפילו ווען ער טראגט משוי של נכרי) לייגט זיך אויך דער חיוב פון עזוב תעזוב, ווייל זיי האלטן אז צער בעלי חיים דאורייתא, און בפשטות לערנען זיי דאס ארויס פון דעם גופא וואס עס שטייט עזוב תעזוב (שבת קכח, ב ד"ה צער בע"ח), משא"כ רש"י וויבאלד ער האלט אז אויף בהמת נכרי לייגט זיך ניט דער חיוב פון עזוב תעזוב, האלט אז אין פשוטו של מקרא צב"ח לאו דאורייתא.

ויש לומר, אז רש"י נעמט דאס ארויס פון דא גופא. ווארום אויב צער בע"ח וואלט געווען דאורייתא, און אויך אויף א בהמה של נכרי איז דא דער חיוב פון עזוב תעזוב, ובמילא דאס וואס מען איז ממעט אז פעמים אתה חודל, איז נאר דא ביי זקן ואינה לפי כבודו, וואלט אויב אזוי געקאנט שטיין דער וחדלת אינעם פריערדיקן פסוק, ווארום כנ"ל, אז דער גאנצער טעם פארוואס עס שטייט נישט דארטן, איז, ווייל מען קאן פון דארטן נישט ממעט זיין אז ביי בהמת נכרי פעמים אתה חודל, אויב אבער ביי בהמת נכרי איז אויך דא דער חיוב פון עזוב תעזוב, וואלט דער וחדלת געקאנט שטיין דארטן, פונדעם איז רש"י מכריח אז צב"ח לאו דאורייתא.

און נאכדעם קומט רש"י אויסטייטשן וואס עס מיינט עזוב תעזוב, ווייל בפשטות ווייסט מען נישט אין וואס עס באשטייט דער ארויסהעלפן, און דאס קאן מען טייטשן בשני אופנים: א) אז דער חיוב איז נאר ארויסהעלפן דארטן אויפן ארט, ב) אז מ'דארף דאס אומקערן ביז צו יענעם אין שטוב, און ווי אין דעם פריערדיקן פסוק וואו עס שטייט השב תשיבם. און וויבאלד אז אין פשוטו של מקרא איז נישטא קיין הכרח ווי צו לערנען, דערפאר ברענגט רש"י פון תרגום, וואס זאגט מלמשקל לי', אז דער חיוב באשטייט נאר אין לפרוק המשא, און נישט מעהר.

עפי"ז יובן, וואס דא ברענגט נישט רש"י דעם ווארט כתרגומו, ווי ער ברענגט בד"כ בשעת ער זאגט א פירוש פון תרגום: ווייל אומעטום ווען ער ברענגט כתרגומו, מיינט דאס אז דאס איז נישט פשוטו של מקרא, משא"כ דא, ברענגט דאס רש"י בלויז אלס פשט אין עזוב תעזוב.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 250 הודפס ע"י אוצר החכמה

לפי הנ"ל וועט ווערן פארשטאנדיק נאך א דיוק אין לשון רש"י. אויפן פסוק כי תאמר בלבבך זאגט רש"י אז על כרחיך כי לשון דילמא, און דא זאגט רש"י סתם אז כי לשון שמא. ס'איז דאך ידוע אז יעדן ווארט אין רש"י איז בדיוק, איז זיכער אויך אין דעם דא א דיוק, וואס לכאורה וויבאלד אז אפטייטשן כי לשון דילמא איז א דוחק, און דערפאר זאגט רש"י דארטן על כרחיך, אז מ'איז מוכרח איינטייטשן בדוחק, האט דאך דאס רש"י געדארפט זאגן דא, דעם ערשטן מאל וואו עס ברענגט זיך דער ענין?

וויבאלד אבער אז דא איז פאראן אויך א פירוש המדרש אז לפעמים אתה חודל, ולפי"ז דארף מען נישט אפטייטשן כי מלשון שמא, און זיך ארייגלאזן אין א דוחק, דעריבער קאן רש"י נישט זאגן על כרחיך, וויבאלד עס איז דא א ברירה טייטשן ווי דער מדרש מלשון אם.

מיט דער רש"י וועט אויך פארענפערט ווערן א סתירה פון דעם אויבנדערמאנטן תורת הבעש"ט, אויף וואס דער אלטער רבי שרייבט אין שו"ע, און עס איז דאך א דבר הפשוט, אז דער אלטער רבי וואלט נישט געשריבן פארקערט פון דעם בעש"ט, וכידוע אז דער אלטער רבי האט זיך נישט געוואלט אפשיידן אפילו מיט איין תנועה פונעם בעש"ט, און ווי דערציילט בקישור להמאסר והגאולה, אז דער אלטער רבי פלעגט זאגן "אוף אוף" ווי דער בעש"ט, איז כ"ש אז דאס וואס דער אלטער רבי שרייבט איז מתאים לתורת הבעש"ט, וכמו שיתבאר להלן.

ג. כידוע פלעגט דער בעש"ט זאגן די תורות באופן פשוט אז אויך אנשים פשוטים זאלן דאס קענען פארשטיין, ווארום הנהגת הבעש"ט איז דאך געווען - סיי קודם התגלותו און סיי נאך זיין התגלות - מקרב זיין אנשים פשוטים. פאר זיין התגלות פלעגט ער ארומגיין און ריידן מיט אנשים פשוטים, לערנען מיט קינדער א-ב וכו', און אחר ההתגלות פלעגט ער זיי מקרב זיין דורך זאגן תורות בסגנון אז זיי זאלן אויך פארשטיין.

און מיט דעם זיינען די תורות הבעש"ט גלייך צו פירש"י. ווארום רש"י איז דאך מפרש פשוטו של מקרא, דעם פשוט'ען פשט פון פסוק, ביז אז מ'לערנט דאס מיט קינדער ווען זיי הויבן אן לערנען תורה שבע"פ, אידער זיי לערנען נאך משנה וגמרא, אעפ"י אז אויך אין רש"י איז דא, ווי דער של"ה שרייבט, יינה של תורה פנימיות התורה.

און ווי גערעט (אין די התוועדות'ן וועלכע זיינען פארבונדען מיט יו"ד שבט) אז דוקא דורך סיפורים ומשלים, ווערט דער תענוג יותר, און דוקא דורכדעם וואס שינה כסות ולשון ברענגט מען צוריק דעם בן מלך, און דאס איז די מעלה וועלכע איז דא אין פשיטות דוקא, און אין דעם גלייכן זיך אויס פירש"י מיט תורות הבעש"ט.

דער אויבנדערמאנטער תורת הבעש"ט איז דאך אויפן פסוק כי תראה חמור וגו', און ער טייטשט דאך כנ"ל אז בשעת דו וועסט איינקוקן אין זיך, אין דיין חומר הגוף, און אין אלע פרטים פון זיך, וכפתגם. כ"ק מו"ח אדמו"ר אז פונקט ווי מען דארף וויסן חסרונות עצמו דארף מען וויסן מעלות עצמו, וועסטו זעהן אז שונאך, אז ער האט דיר פיינט, ווארום דער עצם פון א אידן איז דאך רוחניות, און דער גוף ונה"ב, וואס רוח הבהמה היורדת היא למטה, האט פיינט די נשמה וואס איז רוחניות. און ווי עס שטייט אין תניא (פל"ב) אז ביי דעם וואס גופו עיקר איז נשמתו טפילה, און עפ"י תורה איז בטל עיקר בטל טפל (כלים פי"ט מ"ט), איז די גאנצע מציאות פון די נשמה נאר מצד הגוף, און די נשמה אליין איז ביי איהם קיין מציאות ניט, און דערפאר איז דער גוף נישט גורס דער נשמה.

אעפ"י אז אין שורש איז טאקע דער גוף העכער פון די נשמה, ווארום שרשו איז פון תוהו שלמע' מתיקון, און דערפאר וועט לעתיד לבוא זיין דער גוף העכער פון די נשמה, ביז אז די נשמה וועט מקבל זיין פון גוף און עס וועט זיין בגלוי דער ענין פון נקבה תסובב גבר, איצטער אבער האט ער א הרגש פון ישות און פירוד,

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 251 הודפס ע"י אוצר החכמה

ביז א הרגש אז מציאותו מעצמותו, הגם דער הרגש אז מציאותו מעצמותו קומט טאקע מצד שרשו, וואס ער נעמט זיך פון דעם וואס מציאותו מעצמותו ואין לו עילה וסיבה שקדמה לו ח"ו, וואס דאס איז דער יש האמיתי, און דאס פועל'ט אויך ביים יש הנברא א הרגש פון מציאותו מעצמותו, פונדעסטוועגן ווי עס איז ביים יש הנברא, איז דאס א ענין פון ישות ופירוד, און דערפאר איז ער א שונא צו די נשמה.

און ער זאגט נאכמעהר, אז ער איז רובץ תחת משאו כנ"ל, אז נישט נאר וואס ער איז נישט מקיים די שבועה פון תהי צדיק - וואס ווי דער אלטער רבי זאגט, גיט מען דאך נישט יעדן איינעם די מעגליכקייט צו זיין א צדיק (תניא פי"ד) - נאר ער איז אויך נישט מקיים דעם ואל תהי רשע, אז ער זאל זיין א בינוני, נאר ער איז רובץ תחת משאו, און דאס איז נישט נאר אין דעות און אין מדות, נאר אויך אין פו"מ.

האט געקענט זיין א סברא אז וחדלת מעזוב לו, אז מ'זאל ברעכן דעם גוף, ווי עס איז געווען אין די דורות לפני הבעש"ט, אויף דעם זאגט דער פסוק עזוב תעזוב עמו, אז עס דארף זיין אין א אופן פון עבדו את הוי' בשמחה. אבער נישט ברעכן דעם גוף, ווארום לא בזו הדרך ישכון אור! ווארום דער דרך פון ברעכן דעם גוף קומט מצד דעם וואס אין די זאך איז נישטא קיין אור, און מ'קוקט אויף די זאך מבחוץ בעיני בשר, און בשעת עס איז דא אור, זעט מען די מעלה פון גוף, ווארום נאר מצד הגוף, מצד למצרים ירדתם (און מצד יצה"ר יש ביניכם?) איז פאראן די תורה. און ווי כ"ק אדמו"ר (מהרש"ב) נ"ע, האט געזאגט צו כ"ק מו"ח אדמו"ר אויף זיין האנט, אז זע! צוליב די האנט האט ג-ט אויסגעגאסן אזוי פיעל תורה ומצוות. און דערפאר דארף מען טאן מיטן גוף דוקא.

און דא ווערט א פלא פון דעם וואס דער אלטער רבי שרייבט אין שו"ע (הל' נזקי הגוף רפ"ד) אז א מענטש איז נישט קיין בעה"ב איבער זיין גוף, עס איז קנינו של הקב"ה, און עס איז מעהר ניט ווי א פקדון ביי איהם. - בנוגע ווי צו פירן זיך צי עס זאל זיין ובחרת בחיים, צי פארקערט ר"ל, דאס איז לכתחילה אין די הענט פון א אידן, משא"כ דער גוף איז קנינו של הקב"ה, און ווי עס שטייט אין אגה"ק אז ביי דעם אויבערשטן איז נישט שייך קיין התחלקות און ידיעה והשגחה נכסיו ועצמותו, איז אלץ אחדות פשוטה, און דערפאר איז א איד נישט קיין בעה"ב אויף זיין גוף.

ביז דאנעט איז לכאורה אלץ גלאטיק, איז אבער דער אלטער רבי מוסיף אז במה דברים אמורים, שלא חטא, אויב אבער חטא, און וויל תשובה טאן, אדער ער וויל למרק גופו מעג מען פאסטן. און איז נאך מוסיף אז דאס איז טובתו של הגוף.

ולכאורה איז דאס סותר דעם תורת הבעש"ט הנ"ל, אז באופן של תעניות וסיגופים איז לא בזו הדרך ישכון אור, און דער אלטער רבי - וואס איז געווען נאכן זמן הבעש"ט - שרייבט אז אין די אויבענדערמאנטע אופנים מעג מען פאסטן, און עס איז נאך טובתו של הגוף. און ווי דער בעש"ט טייטשט דעם פסוק, זעט זיך נישט אן אז עס זאל זיין אופנים אז מ'זאל דארפן פאסטן.

וועט מען דאס אבער פארשטיין מיט פרש"י הנ"ל. וואס בפשטות טייטשט רש"י אז וחדלת מעזוב לו בתמי' און עס דארף זיין עזוב תעזוב עמו. וואס דער פשט אין פסוק, איז פונקט ווי תורת הבעש"ט אין דעם פסוק, אז עס דארף נישט זיין וחדלת מעזוב לו (ברעכן דעם גוף) נאר עס דארף זיין עזוב תעזוב עמו (ארבעטן מיטן גוף). דאס איז אבער נאר פשט, וואס פשט איז די גלאטיקע וועג ווי האלקים עשה את האדם ישר, ווי א איד גייט אויף די גלייכע וועג, און יעמאלט איז וחדלת בתמי'.

בשעת עס איז אבער ומדרשו - אז מ'גייט שוין אראפ פון גלאטיקן וועג, ס'איז והם בקשו חשבונות רבים, ס'איז פגם ועבר ועיקם את הדרך, יעמאלט טייטשט מען אף לפעמים אתה חודל, אז עס איז דא אופנים וואס מ'דארף האבן תעניות, און דאס איז -

הנחות הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 252 הודפס ע"י אוצר החכמה

ווי דער אלטער רבי זאגט אין שו"ע - בשעת חטא וכו' אדער למרק את גופו, ער זאל צוקומען צו א העכערע מדריגה.

ובמילא איז פארשטאנדיק, אז דער דין אין דעם אלטן רבי'נס שו"ע איז נישט סותר צו תורת הבעש"ט ווארום אויך לפי תורת הבעש"ט זיינען דא אופנים ווען מ'דארף פאסטן.

און אויף דעם ברענגט רש"י די צווי אופנים ווען מ'איז לפעמים אתה חודל - זקן ואינה לפי כבודו ובהמת נכרי ומשאו של ישראל, ווארום דאס זיינען די צווי אופנים וואס דער אלטער רבי ברענגט אין שו"ע, ווען מ'דארף פאסטן, כדלהלן.

דער ענין פון בהמת נכרי וכו' איז דאס דער ענין התשובה , ווארום עפ"י הלכה דארף מען תשובה טאהן נאר אויף עבירות, און ווי עס שטייט אין תניא אז דורך יעדער עבירה ווערט מען א נפרד פון אלקות פונקט ווי דורך עבוד"ז, ווארום ביי יעדער עבירה איז מען עובר אויף רצון הוי', און דאס וואס עס זיינען דא די וואס טוען עבירות איז דאס נאר מצד דעם רוח שטות וואס רעט איהם איין אז עודנו ביהדותו און דערפאר אפילו אשה המנאפת וואס דעתה קלה איז זיך מוסר נפש אויף קידוש ה' ווייל דארטן זעט מען בגלוי, ווי מען ווערט אפגעריסן פון דעם אויבערשטן (תניא פכ"ד), און דערפאר בשעת א איד איז עובר א עבירה, איז ער ווי א בהמת נכרי - א נפרד פון אלקות. ס'איז אבער ומשאו של ישראל, עס איז דארטן דא ניצוצות של ישראל, ווארום אויב ניט האט עס קיין שייכות ניט צו א אידן. און אין אזא פאל איז אתה חודל, מעג מען פאסטן, וכנ"ל ווי דער דין אין שו"ע אז צוליב תשובה טאן אויף א חטא (בהמת נכרי) מעג מען פאסטן.

און דער ענין פון זקן ואינה לפי כבודו איז דאס דער צווייטער אופן וואס שטייט אין שו"ע אז יעמאלט מעג מען פאסטן, למרק את הגוף. דער חילוק פון למרק את הגוף ביז תשובה איז, אז דורך תשובה ווערט מען א נייע מציאות, און דערפאר העלפט תשובה, ווי דער רמב"ן שרייבט בנוגע צו קרבנות, וואס דאס איז ענין התשובה ווארום דאס ברענגט מען אויף א חטא - אפילו בשעת מען איז עובר אויף א עשה (ברענגט מען א עולה) און אפילו בשעת מ'איז עובר אויף א דברי סופרים - איז טאקע א קרבן בפועל נישטא, אבער ענין הקרבן איז דא - זאגט דער רמב"ן אז מ'דארף טראכטן אז אלץ וואס מ'טוט מיטן קרבן איז גלייך ווי מען וואלט עס געטאן מיט איהם, ובמילא ווערט ער א נייער מציאות.

משא"כ ביי דעם ענין פון למרק את הגוף, ווערט ער נישט קיין נייע מציאות, עס איז מעהר נישט אז ער קומט צו, צו א העכערער מדריגה. און דאס איז דער ענין פון זקן ואינה לפי כבודו, ווארום אפילו ער וועט העלפן דעם צווייטען, וועט איהם אויך נישט פעלן אין זיין מהות, עס קאן נאר זיין עס וועט איהם פעלן אין כבוד וואס איז מער נישט ווי א התפשטות פון גוף, ווי דער ענין פון למרק את הגוף, וואס רירט נישט אן זיין עצם. און יעמאלט זאגט רש"י אתה חודל, ווארום ווי עס שטייט אין שו"ע איז אין דעם אופן מעג מען פאסטן.

עס בלייבט אבער נאך אלץ שווער נאך רש"י, פארוואס ברענגט נישט רש"י דעם דריטן פאל ווען מ'מעג זיך חודל זיין וואס שטייט אין מכילתא, וואס דאס איז א כהן והוא בבית הקברות? מען קאן ניט זאגן אז דערפאר ברענגט דאס ניט רש"י ווייל עס איז נישט נוגע צו די אופנים ווען מ'מעג פאסטן, ווארום ענינו של רש"י איז לכל לראש לפרש פשוטו של מקרא, כאטש אז אין דעם פשט איז פאראן פנימיות התורה, אבער דער עיקר ובגלוי איז דער ענין פון פשט.

לכאורה וואלט מען געקאנט זאגן, אז מען ווייסט דאס פון א קל וחומר, מה-דאך צוליב כבוד בשר ודם איז לפעמים אתה חודל, איז ביי א כהן והיא בבית הקברות, וואס דאס איז כבודו של הקב"ה על אחת כמה וכמה, איז דאס שוין נכלל באופן של בכלל מאתים מנה, אין דעם פאל פון זקן ואינה לפי כבודו.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 253 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

ס'איז אבער אלץ נישט מספיק, ווארום רש"י זאגט ניט קיין הלכות, אין הלכה קאן מען זאגן א ק"ו וכו', אבער אין פשוטו של מקרא האט רש"י געדארפט ברענגען דעם פאל פון מכילתא. ובפרט אז עס שטייט אין מכילתא אין דעם פסוק גופא, נישט ווי די אנדערע פאלן וועלכע שטייען אין גמרא בבא מציעא.

נאר באמת אדרבה, מצד פשטות דארף מען דאס ניט באווארענען, ווארום ווי קומט א חמור מיט א משא אין בית הקברות, עס איז א ארט פון יקרא דחייא, יקרא דשכבא, און מ'קומט אהין און מ'טוט וואס מ'דארף, מען זאגט אפ מענה לשון, און מ'גייט אוועק לאורך ימים ושנים טובות, אבער ווי קומט א היין א חמור מיט א משא?

אין מכילתא, וואס דאס איז א ספר פון הלכות, דארף דאס שטיין, ווארום אין הלכה דארף מען באווארענען אלע אופנים וועלכע קאנען זיך טרעפן, אבער אין פשוטו של מקרא האט דאס קיין ארט נישט כנ"ל.

עד"ז איז אויך אין עבודה, נישט שייך צו זיין א כהן והוא בבית הקברות, ווארום כנ"ל גייט דאך חמור אויפן גוף פון א אידן איז ווי קומט א אידישער גוף אין ביה"ק. ווארום אפילו דער גוף פון א אידן איז בדוגמת צו א כהן, ומה לכהן בבית הקברות?

בשלמא דער ענין פון בהמת נכרי קאן זיין, ווארום דארטן איז נישט דער טייטש אז ער אליין ווערט א נכרי, נאר אז א נכרי ווערט א בעה"ב אויף איהם, און עפ"י תורה קאן א נכרי קונה זיין א בהמה של ישראל, און ווי מיר געפינען ביי חמורו של ר' פנחס בן יאיר אז מ'האט עס ביי איהם צו גע'גנב'עט (ראה חולין ז, א. ירושלמי דמאי פ"א ה"ג) און פונדעסטוועגן האט זי ניט געוואלט עסען קיין ניט גע'מעשר'טע, ווייל עס ווערט ניט קיין אנדערע מציאות. משא"כ דער ענין פון חמור בביה"ק, אז ער ווערט איינגאנצן נכרת משרשו, דאס איז ניט שייך ביי א גוף פון א אידן.

און דערפאר ברענגט רש"י נאר די אנדערע צוויי אופנים און נישט דער דריטן, ווייל דער דריטער פאל איז נישט שייך, משא"כ די אנדערע צוויי אופנים - און אויף די צוויי אופנים זאגט מען אז לפעמים אתה חודל ווי עס שטייט אין שו"ע (און אין שו"ע שטייט אז בשעת ער פאסט צוליב תשובה, מאכט ניט אויס אם אפילו אין בו כח, און אין אגה"ת (פ"ג) שטייט אז אפילו אויף תשובה טאן מעג מען פאסטן נאר אויב יש בו כח, און ס'איז דא א גאנצע אריכות אין דעם, אבער אין כאן מקומו, עס איז נישט נוגע, ניט צו רש"י, ניט צום תורת הבעש"ט).

מ'דארף אבער נאך אלץ פארשטיין ווי אזוי איז קודם זמן הבעש"ט געווען דער ענין פון תעניות וסיגופים, לכאורה שטייט דאך אז עס דארף זיין עזוב תעזוב עמו?

נאר דאס איז ע"ד ווי עס איז פאראן מארי עובדין טבין, און מארי תורה, איז נישט דער פשט אז מארי עובדין טבין האבן נישט קיין תורה, און מארי תורה האבן נישט קיין עובדין טבין, דער פשט איז א ביי מארי עובדין טבין איז עיקר עבודתו במצוות, אעפ"י וואס זיי האבן אויך תורה, ועד"ז ביי מארי תורה, איז עיקר עבודתו בתורה, אעפ"י וואס זיי האבן מצוות (אגה"ק פ"ד).

עד"ז בנדו"ד, איז קודם הבעש"ט געווען עיקר עבודתם באופן של תעניות וסיגופים, און נאר בעתים ובזמנים מיוחדים געווען די עבודה פון שמחה, און דער בעש"ט האט אויפגעטאן אז דער עיקר דארף זיין עבדו את הוי' בשמחה, נאר מזמן לזמן דארף זיין דער ענין פון וחדלת מעזוב לו.

וואס די עבודה איז נתגלה געווארן דורך דעם בעש"ט, פאר די דורות ביז משיח'ן, ועאכו"כ אז אזוי וועט זיכער זיין נאך ביאת המשיח, ווארום יעמאלט וועט זיין ושמחת עולם על ראשם, און ניט נאר עולם איביק אז עס וועט זיין נצחי בשנים, נאר אין יעדער רגע וועט זיך פילן אז ער איז א נצחי, ע"ד נהרות המכזבין, זיינען פסול לכתחילה פאר מי חטאת, אעפ"י וואס עס וועט זיך ערשט אויסטריקענען שפעטער, ווייל מלכתחילה פילט זיך דער ענין ההפסק (פרה פ"ח מ"ט) עד"ז בענין שמחת עולם אז אין יעדער רגע וועט זיך פילן דער שמחת עולם, און עס וועט זיין מלך מלכש"ע פורץ גדר, גדרי הגלות בביאת משיח צדקינו יבוא ויגאלנו בקרוב ממש.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 254 הודפס ע"י אוצר החכמה